START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH
DRAMA

PRESERVATION
PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2004-1882.7

Schor, Anschel.
A mensh zol men zayn :
operete in 4 akten 5
bilder
Varsha, 1911.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004-1882.7

Schor, Anschel.
A mensh zol men zayn : operete in 4 akten 5 bilder
Varsha : ferlag "Elizeum", 1911
92 p.

1. Yiddish drama.—lcsh
I. Schor, M. jt. au. II. Poland-Warsaw

ID: NXYH02-B1608 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: 106216

Reduction ratio X 10.0

פערלאג „עליזעאום".

אַ מענש זאָל מען זיין

אָפּערעטע אין 4 אַקטען, 5 בילדער.

פון א. און מ. שור.

מוזיק פון פערלמוטער און וואַהל.

פרייז 30 קאפּ'.

הויפּט פערקויף אין בוכהאַנדלונג ב. שימין
וואַרשא, נאָוואָליפּקי 7

וואַרשא — 1911.

פערלאג „עליזעאום"

אַ מענש זאָל מען זײַן

אָפּערעטע אין 4 אַקטען, 5 בילדער.

פון מ. און א. שור.

מוזיק פון פערלמוטער און וואהל.

פרײַז 30 קאָפּ.

הויפּט פערקויף אין בוכהאנדלונג ב. שימין
וואַרשא, נאַלעווקי 33

וואַרשא—1911.

Perl 240.

Печ. въ Тип. Г. Пимонтъ и Л. Шваба, Варшава, Сѣраковская 4.
1911.

ערשטער אַקט.

אַ גרויס עס-צימער ביי ישראל גראָדנער, וואו עס קומט פאָר אַ חתן-מאָל פאַר די תנאים. ווען דער פאָרהאַנג געהט אויף איז שוין נאָך דעם חתן-מאָל און די אָרימע-לייט האָלטען שוין ביי אָבגעהן. אלע, זינגענדיג, דאַנקען פאַר'ן חתן-מאָל. זעלדע מיילט ווי געלד.

אלע.

מזל טוב, מזל טוב!

זעלדע.

מיט מזל זאָלט איהר לעבען.

א יוד.

מיט אייך, זעלדע! זיין ליעבער נאָמען זאָל אייך שענקען אַ לאַנג לעבען. און אויף אונז אָרימע-לייט זאָל ער אויך אַמאָל כאַפּען אַ קוק און זאָל פערגרעסערען אונזער ירידה, עס זאָלען זיין מעהר אַזעלכע שמחות, ווי ביי ר' ישראל גראָדנער. און זאָל גאָט געבען, ס'זאָל זיין מיט מזל, מיט ברכה, עס זאָל זיין... לחיים!

ליטוועטשקע.

וואָס זאָל איך אייך זאָגען? איהר וועט איין אשה כשרה, מיט אַ בריליאַנטענע נשמה. איך ווינש אייך, מחותנת'טע, איהר זאָלט דערלעבען דעם זכות צו קענען תמיד דערפרייען גרויס און קליין, יונג און אלט און אלע זאָלען הנאה האָבען פון אייער גאָב, אָמן, אָמן, רבש"ע!

זעלדע.

א שענעם דאנק אייך, נעמט נאך עפעס מיט, פאר אייער הויזגעזינד. נעמט, נעמט, איה״ה אויף דער חתונה וועל איך אייך פערבעסערן.

אלע.

מזל־טוב, מזל־טוב, מזל־טוב. (זינגענדיג אב).

זעלדע.

גאטעניו! פאטער אין הימעל! איך דאנק דיר וואס דו האסט מיך מזכה געווען מיין טאכטערס תנאים צו דערלעבען. וויפיעל, גאטעניו, ביסטו ווערט, אז דו ווילסט איינעם ליטוועלינגען. אט האבען הנאה געהאט פון דעם גוטס וואס דו האסט מיך בעשענקט אזוי פיעל ארימע מענשען. איך דאנק דיר, פאטער אין הימעל!... סערעלע! סערעלע!

סערעל (קומט אריין)

סערעל.

וואס איז, מוהטעניו?

זעלדע.

דינה׳לע האט זיך שוין איבערגעטהון?

סערעל.

יא, דאס פנים איהרס האט זיך שוין איינגאנצען איבער־געטהון...

זעלדע.

וואס איז דאס פאר א לשון? סערעלע!

סערעל.

אז איהר פרעגט מיך, וועל איך אייך זאגען: מוהטעניו, אנדערע קליידער האט זי ניט איבערגעטהון, אבער אנ׳אנדער

פנים—יא. זי האט שוין אזוי פיעל געוויינט, אז עס איז איהר גארנישט מעהר צו דערקענען. די אויגען זענען איהר רויט און געשוואלען פון וויינען.

זעלדע.

וואס רעדסטו, סערעלע, אין טאג פון אונזער שמחה, ווען מיר אלע פרעהען זיך?

סערעל.

טאקע דערפאר, מוהטעניו, ווייל עס איז אייער שמחה, פרעהט איהר אייך, ווען עס זאל זיין איהר שמחה וואלט זי זיך אויך געפרעהט.

זעלדע.

איהרע תנאים איז ניט איהר שמחה? וואס הייסט?

סערעל.

טאקע דערפאר ווייל ס׳איז הײם בלאזט זי זיך. הפנים, איהר ווייסט ניט, מוהטעניו, אז דינה׳לע האט ניט שטארק הנאה פון דעם שידוך.

זעלדע.

וואס־זשע? עס געפעלט איהר ניט דער חתן? וואס פאר א חסרון האט זי אין איהם? ער געפעלט דאך אונז אלע.

סערעל.

הפנים דאס איז טאקע דער חסרון, וואס ער געפעלט אייך ניט איהר...

זעלדע.

וואס־זשע? זי פערשטעהט בעסער פון אונז? מיר זענען שוין קיין מבינים ניט?

סערעל.

זי זאגט... עס הייסט, ניט זי זאגט, נאר זי מיינט... אז איהר זענט שוין אויסגעוועפט...

זעלדע.

פוי הייסט עס... ווער-זשע רעדן געפעלט איהר?

סערעל.

מן הסתם אנ'אנדערער.

זעלדע.

וואס-זשע? זי האט שוין אנ'אנדער'ן אויך?

סערעל.

אזוי ווייזט עס אויס.

זעלדע.

און ווער איז דער אנדערער?

סערעל.

מן הסתם א שענערער, א בעסערער, א געראטענערער..

זעלדע.

און ווער איז ער עס, דער גרויסער בר מעלה?

סערעל.

מוהמעניו, איך פערטרוי עס אייך, ווייל איך ווייס, אז איהר זענט א גוטע און ליעבט אייערע קינדער. מוהמעניו, דינה'לע, דאכט זיך מיר, האט ליעב אייער בוכהאלטער, ר' יואל'ס זוהן בנימין.

זעלדע.

סערעלע, וואס רעדסטו?

סערעל.

אט דאס וואס איהר הערט!

זעלדע.

אוי, א דונער האט מיך דערשלאגען, ווען דאס זאל, חלילה, אמת זיין! וועה איז מיר, ווען ישראל זאל זיך, חלילה,

דאס דערוויסען! אין דעם טאג פון די תנאים אזא בשורה! די געסט וועלען דאך באלד קומען! איך וועל אליין אריינגעהן צו איהר. אוי טאטעניו, פאטער אין הימעל, וועה איז מיר, וועה מיר (שבג.

סערעל.

ניין, מוהמעניו, עס איז ניט וועה אייך, נאר וועה איז נע-בעך איהר. איך פיהל נעבעך איהר הארץ, ווייל ביי מיר טארא-בולבשעט זיך אויך עפעס אזא מין חולאת, וואס רופט זיך ליעבע... האט מען געהערט אזא רציחה: מען נעמט א מעדעל, בלוט און מילך, יונג און שען ווי א רויז, און מען פער'קנס'ט זי און מע פרעגט זי גארנישט, טאמער וויל זי נישט? ניט זייער באבעס דאנה! רבש"ע, פארוואס האסטו בעשאפען דיין וועלטעל, אז אלץ זאל זיין פונקט פערקעהרט? האט דינה'לע ליעב בנימין'ען, וויל מען איהם איהר ניט געבען, אט האב איך ליעב בערעל'ען, דעם פעטער'ס זוהן, נו, וועט עס מיר אנקומען אזוי גרינג? איך, אנ'ארימע יתומה, פאר רחמנות אין דעם הויז אויפגעצויגען, וואג מיך ליעב צו האבען דעם בעל-הבית'ס זוהנדעלע. מיר דאכט זיך, איך וויל נאך כאפען געגנוג בויכוועהטאג פון בערעל'ען, ער האט מיך אפילו זעהר ליעב, עס איז דאך אבער דא א ר' ישראל גראדנער אין דערמיט. ווי וועט ער צולאזען, אז זיין זוהנדעל זאל נעמען אנ'ארימע יתומה.

בעריל (קומט אן)

בעריל (דרויסען).

אנא ד' הושיעה נא, אנא ד' הצליחה נא, אנא ד' עניני ביום קראנו (ערשיינט): אנא ד' הושיעה נא, אנא ד' הצליחה נא, אנא ד' עניני ביום קראנו (דרעהט זיך מיט איהר).

סערעל.

בערעלע! וואס איז מיט דיר?

בעריל.

עס איז מיר פרעהליך אויפ'ן הארצען, איך געה מיט דיר הקפות... עוזר דלים הושיעה נא, קום מיין טייער ספר תורה'לע הצליחה נא...

סערעל.

טאקע גוט וואס דו האסט מיר דערמאנט אין עוזר דלות... פערגעס ניט בערעלע, ווען דיין טאטע וועט געוואר=ווערען, אז דו האסט צו טהון מיט אזא דלות ווי איך, וועט ער דיר אנדרע= העז די אויערען, אז דו וועסט פערגעסען אין הקפות.

בעריל.

ווער הערט עפעס א טאטען? וועלכער יאלד האט מורא פאר א טאטען?

סערעל.

דער טאטע געהט!

בעריל.

ווי?

סערעל.

ח=ח=ח! ווער הערט עפעס א טאטען? וועלכער יאלד האט מורא פאר א טאטען? (יאגען זיך ארום).

בעריל.

סערעלע, איך וועל דיך כאפען! זאל איך אזוי זיין א טאטע צו מיינע קינדער, ווי איך וועל דיך כאפען (פאלט איבער א בענקעל שרייט, סערעל לויפט צו, ער כאפט זי). האב איך דיר געזאגט, אז איך וועל דיך כאפען.

סערעל.

דאס איז דאך ניט קיין חכמה.

בעריל.

אוי סערעלע האב איך דיך ליעב, בעסער ווי א ספר תורה

סערעל.

וואס רעדסטו? וואס?

בעריל.

דעם אמת, ווי איך בין א יודי א ספר! וואס איז א ספר? גיעסט א קוש א שטיק פארמעט און דו פיהלסט גארנישט, אבער דיר אז מען גיט א קוש, פיהלט עפעס דאס הארץ אזוי געשמאק! רויטע בעקעלעך, פליישיג, אמחיה א ביס צו טהון (בייסט).

סערעל.

אוי וואס טהוסטו, משוגע'נער!

בעריל.

ביז צו אונזער חופה וועט זיך דיר אויסהיילען.

סערעל.

ביז צו אונזער חופה און ווער וועט דאס דערלעבען?

בעריל.

מיר, מיר וועלען דאס דערלעבען.

סערעל.

נו, און דיין טאטע וואס וועט זאגען?

בעריל.

ווער וועט איהם פרעגען א דעה: אין שאלות נשים וועל איך מיר נישט לאזען פון איהם קיין דעות זאגען.

סערעל.

וואס אבער ער וועט מיך אנקלעפען וועט זיין פערפאלן.

בעריל.

ער וועט אבער מוזען האבען אביסעל דרך־ארץ פאר'ן זוהנס ווייב. און ווען ער זאל טאנצען ביז אין הימעל אריין, וועל איך מיך פון דיר ניט אבלאזען.

סערעל.

ווען איך זאל וויסען, אז מען קען דיר גלויבען, וואלט מיך שוין ניט געארט.

בעריל.

מיר מעגסטו גלויבען.

סערעל.

אזוי זאגען אלע יונגע לייט.

בעריל.

איך בין אנ'אויסנאהמע פון אלע יונגע לייט. איבריגענס איך וועל גארנישט זאגען, וועסט זעהן פארטיגערהייט.

סערעל.

איך בין אנ'ארימע יתומה; מאך מיך ניט אונגליקליך.

בעריל.

מיין מלאך'ל, מיין ספר תורה'לע (אומארמונג).

דועט

זי.

סערעלע און בערעלע וועלען לעבען פיין,
מען וועט אונז מקנא זיין.

ער.

בערעלע און סערעלע וועלען זיין א פאר
אויף מיר אזא יאהר.

פערזאנען:

ר' ישראל גראדנער

זעלדע, זיין ווייב

דינה } זייערע קינדער
בעריל }

סערעל, א יתומה, ערצויגען ביי ישראל גראדנער אין הויז

יואל קוואטש, א משרת ביי ישראל גראדנער

חאסיע, זיין ווייב

בנימין, זייער זוהן, בוכהאלטער ביי ישראל גראדנער

יודען, ווייבער, סטודענטען, געסט און אנד.

די האנדלונג קומט פאר: די ערשטע צוויי אקטען אין רוסלאנד, די לעצטע — אין אמעריקא.

זי.

נו נעם־זשע מיך דײַן סחורה'לע, איך װײס דו ליעבסט נאָר מיך.

ער.

דו ביסט מײַן ספר תורה'לע, קושען װעל איך דיך.

זי.

איך בין גליקליך, איך בין רײַך װאָס איך פֿערמאָג אַבערעלע.

ער.

װער איז צו מיר דען גלײַך, װען איך האָב אַזאַ סערעלע.

זי.

ציִ מײנסטו אֶמת, בערעניו?

ער.

אֶמת, אֶמת, סערעניו.

זי.

נו, שװער.

ער.

איך שװער.

בײדע.

שװער מיר אויף דעם אָרט.
שװער מיר דאָ אויף דעם אָרט.
אַזוי בלײַב איך דײַן
בלײַבסט אויף אײביג מײַן
ניט געקלערט און ניט געטראַכט,
דער שידוך איז שוין אָבגעמאַכט. (ביס).
און אַז גאָט װעט אונז בעשערען,
מאַן און װײַב מיר װעלען װערען
װעט זײַן װאויל און גוט.

זי.

אוי ווי האַלט איך שוין דערבײַ.

ער.

ווערסט האַלטען סײַ ווי סײַ... אויך אַזוי בלײַב איך דײַן (טאַנצען אַב).

זעלדע (קומט אַן פֿון דינה'ס צימער).

זעלדע.

וועה איז מיר, נאָך דאָס האָט מיר געפֿעהלט... יואל? יואל, וואו ביסטו?

יואל (קומט אַן ווישט זיך אָב דאָס מויל).

יואל.

וואָס איז בעל־הבית'טע?

זעלדע.

וואָס ווישסטו דיר, וואָס? האָסט שוין נעגאַשט אײַנגעמאַכטס.

יואל.

איהר ווײַסט דאָך, בעה"ב לעבען, אַז איך בין קײַן נאַשער, איך האָב גלאַט פֿערזוכט אַביסעל אײַנגעמאַכטס, אַזוי, אַ קלײַן ביסעל, קײַ און שפּײַ. עס האָט מיר פֿערקלעמט בײַם האַרצען, אַ גאַנצען טאָג זיך אָנגעהאָרעוועט. אַ קלײַניגקײַט תנאים בײַ ר' ישראל גראָדנער. דאָס איז ניט קײַ און שפּײַ.

זעלדע (זעצט זיך).

יואל! הער, יואל, איך וויל מיט דיר רעדען אַן ערנסט וואָרט, זעץ דיך.

יואל (זעצט זיך).

איך הער, בעל־הבית'טע לעבען.

זעלדע.

זאָג, יואל, ווי לאַנג דינסטו שוין בײַ מיר אין הויז?

יואל.

אַ קײַ און אַ שפּײַ, אַזוי אַ 30 יאָהר

זעלדע.

און אַז דו האָסט חתונה געהאַט מיט דײַן חאַסיע, האָב איך זי אין מײַן הויז גענומען?

יואל.

אמת.

זעלדע.

און, אַז דײַן זוהן, דײַן בנימין האָט אויסגעלערנט בוכהאַל־טעריע, האָט מײַן מאַן אויך איהם צוגענומען?

יואל.

אמת.

זעלדע.

און איך האָב אײַך תמיד גוט בעהאַנדעלט?

יואל.

אמת, אמת ויציב.

זעלדע.

איך האָב אײַך בעהאַנדעלט ווי אײַגענע, ניט ווי משרתים?

יואל.

אמת ויציב ונכון וקים וישר ונאמן ואהוב וחביב...

זעלדע.

נו, פֿרעג איך דיך: ווי אַזוי האָסטו געקאָנט צולאָזען צו אַזאַ זאַך.

יואל.

וואָס צולאָזען

זעלדע.

איך מײַן די מעשה מיט דײַן זוהן.

יואל.

וואס ווהן, וואס א מעשה?

זעלדע.

וואס מאכסטו דיך כלא ידע, וואס?

יואל.

בעה־בית'טע לעבען, איהר זענט היינט פרעהליך, ווילט איהר יואל'ען נעמען אויף דער העטצקע? נו, אויב אייך איז גוט אויפ'ן הארצען איז ביי מיר זעהר אנגעלעגט. איהר ווילט יואל'ן העטצקען, העטצקעט, יואל איז מוכן ומזומן צו העטצקען זיך מיט אייך ביז 120 יאהר, וואס זעהט זיך ביי יואל'ן אן א העטצקע, קיי און שפיי.

זעלדע.

ניין, יואל, מיר איז גיט איינגעלעגט אויפ'ן הארצען, מיר גלוסט זיך ניט קיין העטצקעס. מיך פערדריסט אויף דיר, וואס דו האסט צוגעלאזט דיין זוהן זאל מאכען צופיעל מחותנה'שאפט מיט מיין טאכטער.

יואל.

מיין זוהן און אייער טאכטער? דאס איז דאך שוין טאקע ניט קיי און שפיי! איך פערשטעה ניט, בעהב"טע לעבען, וואס פאר א שמעלקע איז מיין זוהן מיט אייער טאכטער?

זעלדע.

וואס־זשע, דו ווייסט פון גאר ניט?

יואל.

זאל איך אזוי ניט וויסען פון קרענק, רבש"ע, וואס רעדט איהר וואס? ווען איך זאל וויסען וואלט איך דאס רעדלאזט? ווייס איך רעדן ניט, אז איך בין ניט מעהר ווי א נ'ארימער פריקאשטשיק און ר' ישראל גראנער איז ניט קיי און שפיי? וואס־זשע, איך האב שוין גאר קיין שכל ניט? איך וועל

דערלאזען צו אזא עסק? אפשר ווייסט עפעס מיין חאסיע... הע! חאסיע, חאסיע! וואו ביזטו ערגעץ?

חאסיע (קומט אריין).

חאסיע.

וואס איז, וואס ליארמסטו אזוי? אפילו אנמהון לאזט ער מיך ניט.

יואל.

וואס האסטו דיך אזוי אויסגעפוצט, וואס? האסט דאך א פנים, ווי א געפלאכטענער פורים־קוילעטש.

חאסיע.

צוליעב דינה'לעס תנאים האב איך מיך אביסעלע אויסגעפוצט.

זעלדע.

צו־וואס טויג איבריגע רעד? געה צום תכלית!

יואל.

חאסיע? דו ווייסט! זאג אלעס!

חאסיע.

וואס ווייס איך, וואס?

יואל.

איך קען דיך מיט די ברעקעלעך דו ביסט א כוואט צו אזעלכע מעשיות, חאסיע, דו האסט פערקאכט א קאשע!

חאסיע.

וואס פאר א מעשיות, וואס פאר א קאשע? רעד ווערטער!

יואל.

חאסיע, איך ווייס אלסדינג. די בעל־הבית'טע ווייסט אויך...

חאסיע.

אזוי? לא'מיך אויך וויסען וואס איהר ווייסט.

יואל.

איך מיין דאס מיט אונזער בנימין.

חאסיע.

ווע איז מיר, וואס רעדסטו האלבע ווערטער? וואס איז געשעהן מיט אונזער בנימין?

יואל.

דו הייסט גארנישט?

חאסיע.

וואס דען, איך ווייס יא?

יואל.

איך ווייס דאך, אז דו האסט ליעב אמאל צו זאגען א ליגען.

חאסיע.

הער־זשע מיך אוים, ר׳ יואל קוואטש, אז דו וועסט מיר אזוי זאגען דער בעה״ב־טע אין די אויגען וועל איך דיר ארייני קריכען אין דער בארד אריין, אז עס וועט דיר ניט בלייבען איין האר (כאפט אן זיין בארד).

יואל.

לאז אב, איך האב שוין אזוי אויך א בערדל קיי און שפיי.

זעלדע.

וואס טויג אייך דאס לאנגע טענה׳ן, איך וויל דערגעהן דעם אמת.

יואל.

יא חאסיע, דעם אמת! דעם אמת׳דיגען אמת. דו האסט געוואוסט, אז אונזער בנימין האט עפעס צו טהון מיט׳ן בעה״ב טאכטער?

חאסיע.

מיט דינה׳לען! אונזער בנימין?

יואל.

דו האסט געוואוסט? פרעג איך, ענטפער!

חאסיע.

איך זאל אזוי ניט וויסען פון קיין שלעכטס, רבש״ע! ס׳טייטש אוא זאך!

יואל.

בעל־הבית־טע לעבען, איך לעב שוין מיט מיין חאסיע׳ן, אזוי, א קיי און שפיי א 26 יאהר, און איך קען זי מיט די ברייקעלעך. אמת, זי האט אמאל ליעב צו זאגען א ליגען, אבער אי[...]ט, שווער איך אייך, זאגט זי דעם אמת.

זעלדע.

וועה איז מיר, איינענע מענשען אין א הויז און מ׳קאן זיך אויף זיי ניט פערלאזען! גאטעניו, האלט איבער אונז די רעכטע האנד. ער וועט באלד אנקומען, הימ און בעשיץ אונז הארציגער פאטער אין הימעל! (אב).

יואל.

נו חאסיע, וואס זאגסטו צו דער קאשע?

חאסיע.

וואס זאל איך זאגען? מיט וואס דער טאפ ווערט אנגע־ברענט, מיט דעם ווערט ער צובראכען.

יואל.

וואס הייסט דאס אויף עברי־טייטש?

חאסיע.

פערשטעהסט נעבעך ניט? דער טאטע איז דען בעסער פון דעם זוהן, פער׳שרפה׳ט זאלט איהר ביידע ווערען. מיר וועלען נאך בלייבען אין א שטיקעל ברויט דורך דעם קדיש אונזערן!

יואל.

אזוי? דו ביזט נאר די פיינע? אשת חיל מיינע, הארץ פריינד מיינס! דרעהט זיך ארום אזא נעזונד שטיק יודענע און קאן נית אבטונג געבען וואס אין שטוב טהוט זיך. נו יא, אז איהר איז דער קאפ פערהאקט מיט'ן חשבון פון איהרע אלטע קאוואליערען, מיט יעקעלע בעבזיק, שמעריל קישקע, פייוועל סמוטשיק, נחום טראסק; נו, ווי קאן איהר ליגען אין זינען בעל-הבית'ישקייט, אז זי האט נאר אין זינען קיי און שפיי און ווייטער גארנישט.

האסיע.

זעה נאר, איך בעט דיך, א מויל ער האט געעפענט דו, דו, יואל קוואטש, וואס בין איך עפעס דיין דיענסטשיקסע אפשר נאכקוקען דיין סינאק וואו ער געהט? דו מיינסט, אז איך ווייס נית, אז דער מאטע איז אזא פויגעל ווי דער זוהן דיך נעמט אויך דער גוטער יאהר אז דו דערזעהסט א קליידעל דאס עפעלע פאלט נית ווייט פון בוימעלע, דו ביסט געראטען אין דער מאטע דיינער די מכשפה.

דועט

ער.

מיין מאטע איז פרום, ווי א גלח
וואס ווילסטו דען האבען פון איהר?
זי איז א שוויגער א מלאך,
כאטש לעג זי צו צו א געשוויר.
דיין שווער ליגט שוין אויפ'ן בית-עלמין,
וואס נאך איז דען דיין פערלאנגען?

זי.

לאז זי געהן צו דיין טאטען, ר' קלמן
און ווערען ווי ער געהאנגען,
געהאנגען, געהאנגען, איהר הערט,
מיט'ן קאפ אין דר'ערד.

ער.

צו שבועות, צו סכות, צו פסח,
אז דו ווערסט זי בעדארפען, זיי זיכער,

זי.

אז איך וועל זי בעדארפען דאס ווייס איך,
נאר אויף ערב יום-כפור דאס גיבער.
איך וועל נעמען די שוויגער און זאגען:
זו חליפתי, זו כפרתי, —
דו ביזט א בעזע שוויגער, הלך למיתה!

ער.

און די שוויגער וועט נעמען די שנור צום טרעסען:
הושענא, דא ארום און דארט ארום, הושענא,
ביזט א שלעכטע שנור נו ארבייט מיט דער גסיסה
הושענא!

זי.

וועל איך נעמען א גרעגער און זי פערקלאפען,
ווי המן, אוי...
א שטעכעניש, א ברעכעניש, א לעמעניש, א קלעמעניש,
א צרה, א כפרה, א מגפה און א שרעקליכע שרפה!

ער.

אבער שמחת תורה וועט איהר נית פיעל קלערען
און צוזאמען אין שוהל דעם חזן הערען:
אתה הראית לדעת, שוויגער לעבען זייט נית אין כעס,
וויל איך האב אייך ליעב און בין אייך געטריי.

ביידע.

איהר זייט זעהר פיין,
נאר אזא יאהר אויף מיר
און פריינד וועט זיין
אויך די שוויגער מיט דער שנור. } (בים)

דו זײַ צו מיר נאָר גוט. פֿערגעס נאָר וואָס ס'איז געשעהן
וועסטו בײַ מיר דאָך לעבען גליקליך און פֿרײַ
פֿערגעס מיך נאָר קײנמאָל ניט
וועסטו דאַן אַלײן אויך זעהן
ווי טאַקע גאָט און לײַט וועלען אונז מקנא זײַן,
איהר זײַט זעהר פֿײַן א. ז. וו. (טאַנץ).

זעלדע און ישראל (קומען אָן פֿון מיטען).

זעלדע.

שטיל! ר' ישראל געהט.

ישראל.

וואָס ברענט נאָך ניט קײן ליכט? וואָס איז עפּעס פֿינסטער?.. יואל! זײַ מוחל, נעם צו... קוק־אָן אַ מין חושך דאָ איז, נאָר אַזוי ווי אין מצרים, וואָס־ושע, מען זשאַלעוועט ליכט בײַ ר' ישראל גראָדנער? זעלדע, זײַ מוחל, הײם אַרײַנגעבען דעם לאָמפּ (געשיהט). אָט אַזוי, ליהודים היתה אורה, איך האָב ליעב ליכטיג... זעלדע, וואו איז די כלה? נאָך ניט זיך אָנגעטהון? נו יאָ, אַ כלה דאַרף זיך פּוטצען, אָנטהון ציערונג, ווי די חכמים זאָגען: „אין אשה אלא להכשיטין", די אשה דאַרף זײַן אַ ציערונג אין שטוב.

יואל.

מײַן אשה איז אויך אַ שען שטיק ציערונג.

ישראל.

און וואו איז דער חתן? אויך נאָך נישטאָ? און דאָס אָרימע מאָהלצײַט איז שוין געווען?

זעלדע.

זײַ זענען שוין לאַנג אַוועק.

יואל.

זײַ האָבען געפּיקט אַזוי ווי די הײשעריקען, בעה"ב לעבען, דער אַלטער ר' יאָכטשע איז אויך דאָ געוועזען, אוי האָט ער געשלונגען, מיט יעדען שלונג האָט געגעבען אין פּופּיק אַ קלונג.

ישראל.

שטיל דו! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ לשון? זײַ האָבען געגעסען, זאָל זײַ וואויל בעקומען!

מענער כאָהר (עס קומען אָן מחותנים).

מענער.

צום גביר קומען מיר, גליק ווינשען אָהן אַ שיעור.
געשיקט זענען מיר פֿון קהל, צו אונזער ר' ישראל
צו דער שמחה פֿון זײַן קינד,
און איהם צו ווינשען ברכה, נחת און הצלחה, } (בּיס).
פֿון השי"ת גליק, געזונד.

ווייבער (עס קומען אָן מחותנת'טעס).

ווייבער.

ר' ישראל דער גרויסער בר מעלה
און זײַן ווײַב די אשה צנועה,
זײַן טאָכטער די שענע כלה,
מיט איהר חתן די פֿײַנע בריאה,
אָט די גאַנצע משפחה, ווינשען מיר פֿיעל ברכה!
אויך זאָל גאָט געבען,
פֿיעל גליק און לאַנגעס לעבען,
איהר זאָלט געשווינד, אײַער קינד, } (בּיס).
פֿיהרען צו דער חופּה.
אָמן, אָמן, אָמן, אָמן.

בעריל, סטודענטען (קומען אָן פֿון דער בּיס).

סטודענטען.

מיר גראַטולירען אײַך, מיט פֿיעל גליק אַצינד
דאָס ווינשען אַלע מיר.
איהר זײַט בײַ אונז געשעצט מיט אײַער ליעב קינד,
גוט און ליעב אָהן אַ שיעור.

בעריל.

איך מיט מיינע שול־קאָלעגען,
האָבען פון מיין שוועסטערס וועגען
גערבראַכט דיזע בלומען צום געשאַנק.
איך מיט מיינע שול־קאָלעגען,
קומען פון מיין שוועסטערס וועגען
איהר צו ווינשען גליק אויף לעבען לאַנג.
גליק צו ווינשען קום איך איהר,
איהר פערלאָבונג איז דאָך היינט
ווייל איך ווייס דאָך. אז ביי מיר
וועט זי קומען מיט איהרע פריינד.

כאהר.

ער מיט זיינע שול־קאָלעגען... גליק אויף לעבען לאַנג,
מיט גליק זאָל זיין מיט גליק. חתן כלה מזל־טוב, מז״ט.

ישראל.

איך דאַנק אייך, ליעבע פריינד,
פאַר אייער ברכה היינט.
צום טיש געשווינד,
נאָר עסט און טרינקט געזונד.

כאהר.

ער דאַנקט אונז ליעבע פריינד,
פאַר אונזער ברכה היינט...

ישראל.

און דו יואָל, אויב דיר איז ניט שווער
גיב א לויף און ברענג דעם חתן אהער.

יואל.

איך פליה און ברענג איהם שוין
דעם חתן, דעם שענעם פאַרשוין,
עס וועט ניט דויערן קיין האַלבע שעה
און דער חתן איז שוין דאָ!

טרינקט און עסט געזונד,
גאָכ'ן חתן לויף איך געשווינד (אָב).

ישראל (צו סערל און חאַסיע'ן).

און איהר זייט אייך מטריח און ברענגט די כלה גיך (ביידע אָב).

כאהר.

אָט ברענגט מען שוין די כלה...

חאסיע, סערע (קומען צוריק פערוואָרגט).

ביידע.

ס'איז אַנ'אומגליק ווי אונז שיינט
מיר קאָנען ניט פערשטעהן,
די כלה זיצט דאָרט און וויינט
און זי וויל אהער נישט געהן.

חאסיע.

וואָס מיר האָבען איהר געזאָגט.

סערעל.

און עס העלפט גיט, כאָטש קראַפּיר.

ביידע.

און נאָר זי וויינט און נאָר זי קלאָגט,
איין גאָט ווייסט וואָס ס'איז מיט איהר.

ישראל.

וועה! וואָס האָב איך געהערט, איך גלויב עס מיר ניט,
די שמחה אייך ניט שטערט, איך ברענג די כלה אליין (אָב).

כאהר.

עפּעס נייעס איז

ישראל (דרויסען).

קום שוין, זאָג איך דיר.

ישראל (קומט צוריק, שלעפט מיט זיך דינה'ן).

דינה.

אָה פֿאַטער, האָב מיטלייד מיט מיר,
ליעבער פֿאַטער, פֿאַטער גוטער,
מיין געבעט הערט אצונד,
רחמנות בעט אייער קינד.

באַהר.

מיטלייד, מיטלייד בעט אייער קינד.

דינה.

מיך פֿערבינדען מיט גוואלד ווילט איהר!
מיט א וואונד אין הארצען ביי מיר, ניין, ניין ניין,
טריי וועל איך איהם ניט זיין,
ער וועט מיין מאן ניט זיין.

ישראל.

זאָל איך גלויבען מיינע אויערען,
וואָס זיי יעצט דאָ הערען
דער טאָג פֿון דיין געבוירען,
זאָל פֿערשאָלטען ווערען.

דינה.

קיין קללות און קיין שעלטען,
וועט ניט העלפֿען, ניין,
ווען עס זאָל זיך קעהרען וועלטען,
ער וועט מיין מאן ניט זיין, ניין.

ישראל.

שטיל שוין דו מרשעת,
ברענג מיך ניט אין כעס!

בנימין (קומט אָן מיט ביכער אין האַנד).

בנימין.

אך! וואָס איז דאָ געשעהן?
וואָס האָבען מיינע אויגען געזעהן?
איך גלויב עס ניט, ניין.

דינה.

גוטער מלאך! רעטע אָך פֿון די גזלנים אַן אָרים קינד
צווינגען ווילען זיי דאָ מיך, צו בענעמען אַ גרויסע זינד!

באַהר.

וואָס איז דאָס פֿאַר אַ זינד,
ערצעהל, ערצעהל, ליעבעס קינד.

דינה.

פֿערבונדען מיך מיט אַ מאַן,
וואָס איך ליעב ניט ווילען זיי,
נו פֿרעג איך אייך: —
איז דאָס ניט אַ הימעלס־שריי?

דינה, בנימין.

די צייטען זענען שוין אַלט,
ווען חתן כלה זיך ניט געפֿעלען —
צווינגען זיי מיט גוואלד,
אַז זיי זאָלען אַ חופה שטעלען.
ווען חתנים אָדער כלות,
געפֿעלען זיך ניט אין דער מינוט,
מעגען זיין די בעסטע מעלות, —
טהון קאָן מען דעם שידוך ניט.

באַהר.

די צייטען זענען שוין אַלט,
ווען חתן כלה זיך ניט געפֿעלען —
צווינגען זיי מיט גוואלד,
אַז זיי זאָלען אַ חופה שטעלען, יאָ.

בנימין.

חאָט רחמנות מיט אײַער קינד,
אויב איהר אַ הארץ האָט,
צווינגט זי ניט צו בעגעהן קײן זינד,
ווײַל שטראָפֿען וועט אײַך דערפֿאַר גאָט.
האנדעלט געגען קינדער—גערעכט
וועלען זיי צו אײַך אויך גוט זײַן.
קוים בעהאנדעלט איהר זיי שלעכט
לײַדען וועט איהר דאַן אלײן.

ישראל.

מיר מוסר זאָגען, ווער גיט דיר דאָס רעכט,—
צי האַנדעל איך גוט אָדער שלעכט.
איך טהו ווי איך פֿערשטעה נאָר אַלײן
און תנאים מוזען הײַנט נאָך זײַן!

דינה, בנימין.

איך זאָג נײן, נײן, נײן!

אלע.

נײן, נײן, עס דאַרף אזוי ניט זײַן. א. ז. וו.

ישראל.

זאָג נאָר, יונגערמאַן, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ העזה מיר צו זאָגען דעות, מיר צו פֿערשטערען מײַן שמחה? וועגען וואָס זענט איהר געקומען אהער, ניט צו גאַסט?

בנימין.

זײַט מוחל, ר' ישראל, איך האָב מיך ניט מתכון געווען ניט אײַך פוגע בכבוד צו זײַן, אויך ניט אײַער שמחה צו פֿער־שטערען. איך בין אויך ניט געקומען צו גאַסט, איך בין נאָר גע־קומען אײַך אָפּברענגען אײַערע ביכער, און הערענדיג וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען האָב איך מיר ערלויבט זיך איצט אַרײַנצומישען. דאָ האָט איהר די ביכער, ווילט איהר זיי איבערנעמען?

ישראל.

יעצט האָב איך ניט קײן משא־ומתן מיט ביכער. יעצט בין איך אַ בעל שמחה. אויב איהר ווילט, קאָנט איהר זײַן מײַן גאַסט. די שמחה איז אביסעל פֿערשטערט געוואָרען, אָבער זײַן וועט זי!

בנימין.

נײן, ר' ישראל גראָרנער, איך קאָן דאָ אויף דער שמחה ניט זײַן.

ישראל

פֿאַרוואָס?

בנימין.

איך וויל איבערהויפּט מעהר בײַ אײַך ניט זײַן.

חאסיע.

אַצינד פֿערשטעה איך דאָס עסק.

ישראל.

און פֿאַרוואָס ווילט איהר ניט זײַן בײַ מיר? איז אײַך די שבירות צו קלײן?

בנימין.

עס איז ניט דאָס, ר' ישראל. איך קאָן דאָ ניט בלײַבען.

בעריל.

צו וואָס דאַרפֿסטו איהם בעטען, טאַטע? איך וועל מיך נעמען צו די ביכער.

ישראל.

מיש דיך ניט אַרײַן... יונגערמאַן, איך פֿערשטעה, אַז דאָ מוז זײַן אַנ'אַנדערע אורזאַכע, וואָס, איהר ווילט אַוועק פֿון מיר?

בנימין.

פֿערשטעהט זיך, אַז עס איז דאָ אַנ'אורזאַכע. נאָר איך... קאָן זי אײַך ניט זאָגען.

ישראל.

אז איהר קאנט ניט, דארף מען ניט. איך האב פיינד צו בעטען. יונגערמאן! מארגען וועלען מיר זיך אברעכענען. יעצט איז ביי מיר א שמחה און איהר קאנט געהן.

בנימין.

א גוטע נאכט.

דינה.

ווארט, בנימין!

ישראל.

וואס איז דאס, דינה, וואס האסטו צו דעם יונגענמאן?

זעלדע.

רבש"ע, וואס דא וועט זיין!

חאסיע.

דערבעזער ניט דעם טאטען.

ישראל.

דאכט זיך, איך האב עפעס דא געפרעגט, הא?

סערעל.

אוי ווערע איז מיר, דא וועט נאך היינט עפעס געשעהן.

בעריל.

איך האב מורא, דער טאטע וועט נאך היינט ארויסווייזען דעם כהן.

דינה.

טאטע... איך...

ישראל.

זעלדע, עפעס געפעלט מיר ניט דער ענין... וואס שווייגסטו? רעד! זעהסטו, איך בין נאך ניט אין כעס, איך בין נאך ניט בעז...

דינה.

איך...

בנימין.

ר' ישראל, אייער טאכטער וויל אייך זאגען, אז עס קענען ניט זיין איהרע תנאים...

ישראל.

הא? וואס האסטו געזאגט? יונגערמאן?

בנימין.

אז עס קענען ניט זיין איהרע תנאים, וויל זי אייך זאגען...

ישראל.

פון וואנען ווייסטו וואס זי וויל זאגען?

בנימין.

ר' ישראל, איך וועל מיט אייך גאנץ אפען רעדען..

ישראל.

שטעה דארט, יונגערמאן, איך פרעג דיך נישט און מיש דיך נישט. ישראל גראדנער האלט זיך ניט קיין עצות מיט זיינע משרתים וועגען זיין בני בית (שלעפט דינה'ן צו זיך). עס וועלען היינט ניט זיין קיין תנאים, זאגסטו?

דינה.

ניין, עס וועלען היינט ניט זיין קיין תנאים.

ישראל.

פארוואס?

דינה.

ווייל איך וויל ניט.

ישראל.

דו ווילסט ניט? ווער ביסטו, דו זאלסט ניט וועלן?

דינה.

איך בין דיין טאכטער.

ישראל.

דו ווילסט ניט? איך וויל דאך אבער יא! דו הערסט? איך וויל יא!

בעריל.

ווייסטו וואס טאטעניו, אז דו ווילסט יא, ווער דו א כלה!

ישראל.

דו הערסט, צי ניין? איך וויל עס זאל זיין תנאים, און אז ישראל גראדנער זאגט יא ווערט זיין יא!

דינה.

ניין, טאטע, דאס וועסטו ניט אויספיהרען!

ישראל.

פארוואס?

דינה.

ווייל איך האב אנ'אנדערן!

ישראל.

אנ'אנדערן? אפשר דער דארט?

דינה.

יא, טאטעניו.

ישראל.

יא? מיין משרת? און דו האסט גארנישט געפרעגט מיין הסכמה? האסטו מיך געפרעגט? עפעס בין איך דאך א טאטע!

בעריל.

ער איז דאך גערעכט, וואס איז ער: א טאטע צי א...

דינה.

איך האב נאר געפרעגט מיין הארץ.

ישראל.

אויב אזוי וועל איך אויך פרעגען מיין הארץ. קוים בל, יונגערמאן, ארויס פון מיין הויז! און דו טאכטער וועסט טהון וואס איך וועל דיר הייסען!

דינה.

ניין, טאטע, איך וועל געהן מיט איהם.

ישראל.

מיט איהם? חצופה! (לאפט זי אן)

בנימין.

ר' ישראל גראדנער, איך פערבאט אייך אויפצוהויבען א האנד געגען אייער קינד, איך בעפעהל עס אייך!

ישראל.

דו בעפעהלסט מיר, דו פערבאטעסט מיר? ווער ביסטו דען? מיט וועלכען רעכט מישסטו דיך דא אריין?

דינה.

מיט דעם רעכט וואס יעדער מאן האט אום זיין פרוי צו שיטצען. טאטע, ביי מיר וועלען היינט קיין תנאים ניט זיין, ווייל בנימין איז מיין מאן!

יואל (קומט אריין פון דער טיר).

יואל.

דער חתן איז דא! (דער חתן ווייזט זיך אין טיר).

פארהאנג.

צווייטער אַקט.

(דאָס זעלבע צימער ווי אין ערשטען אַקט אָבער שענער מעבלירט).

סערעל (קוקט אַריין לינקס אין דינה'ס צימער).

(אַליין.)

זיצט [illegible] אין איהר שטיבעל און, איינס פון די צוויי אָדער זי וויינט, אָדער זי זינגט. שוין צוויי חדשים אַז דער אַלטער האַלט זי פערשפאַרט אין שטוב און לאָזט זי אויף דער ליבּטיגער שיין ניט אַרויס. איך ווייס גאָרנישט וואָס איהר סוף וועט זיין. נאָר וואָס רעד איך פון איהר? איך וואָלט שוין גע-וואָלט זעהן וואָס מיין סוף וועט זיין. איך האָב מיין בערל'ען אַלעס געגלויבט און אַצינד... אוי וועה איז מיר! עס וועט מיר אויסקומען נאָר דאָס לעבען זיך צו נעמען!...

יואל און **חאסיע** (שלעפען אַ קופערט).

חאסיע.

זעה נאָר, ווי ער האָט מורא צו-צולעגען אַ האַנד!

יואל.

וואָס שרייסטו, וואָס? איך שלעפ דאָך! וואָס מיינסטו וואָס? אַזאַ קאַסטען צו שלעפען איז קיין און שפּיי?

חאסיע.

ער שלעפּט! אויף מיר וואַליעט ער זיך אַרויף און ער שלעפּט!

יואל.

אוי! אין אַ שלימזלדיגע שעה בין איך געבוירען געוואָרען! איך רייס מיר אָב די קישקעס און זי קוויטשעט נאָך.

חאסיע (דערזעהט סערל'ען וויינענדיג).

יואל, וואָס איז דאָס?

יואל.

וואָס פרעגסטו מיך?

חאסיע.

דאָ מוז זיין עפּעס נייעס... סערעלע, וואָס איז עפּעס פאַר אַ שטילע שמונה-עשרה?

יואל.

מיר דאַכט זיך, אַז זי בעט אויף קינדער..

סערעל.

איהר זענט עס, חאסיע! די מוהמע האָט געפרעגט, צי איהר האָט שוין געגעבען דינה'לען טהע.

חאסיע.

אַ וועהטאָג איז מיר, טאַקע פערגעסען

יואל.

אַ שווינגער בלייבט אַ שווינגער, פון אַ שווינגער קאָן מען נאָר האָבען קיי און שפּיי און גאָרנישט.

חאסיע.

קוק איהם נאָר אָן, אַ שווינגער! מען זאָל מיך וועלען פאַר אַ שווינגער וואָלט דאָך שוין גוט געוועזען. טאַקע דערפאַר וואָס דאָס קריש'ל אונזערס האָט מיך געמאַכט פאַר אַ שווינגער זענען מיר דאָך געבליבען אָהן ברויט. מיר זענען דאָך היינט דאָ די לעצטע נאַכט! מאָרגען מוזען מיר זיך אַרויסציהען פון דאַנען.

יואל.

ר׳ ישראל גראדנער האט זיך פערגלוסט צו מאכען א קי און שפיי. ניין, מיין מחותן פיהרט זיך ניט אויף ווי א מענש.

חאסיע.

זיין מחותן! יענער טרייבט איהם ארויס פון שטוב, און ער רופט איהם מחותן.

יואל.

אוי חאסיע, דיין שכל איז קי און שפיי. ר׳ ישראל גראד-נערווארפט מיך ארויס, נעה איך. אבער מיין מחותן איז ער דאך! ער קען מיר נאר מאכען פאר אוים משרת, אבער ניט פאר אוים מחותן. און דיר אויף להכעיס, נעה איך, דער שוועער אליין, בכבודו ובעצמו מאכען פאר מיין שנור א גלעזעלע טהע און איך העד דיך מיט אלע רייכע מחותנים ווי דעם קאטער (אב אין קיד).

חאסיע (צו סערל׳ן).

יעצט ערשט וועל איך מיך נעמען צו דיר. זאג מיר נאר, סערעלע, וואס זיצסטו עפעס ווי אנ׳אבגעשמיסענע?

סערעל.

עס טהוט מיר וועה ד... דער קאפ.

חאסיע.

דער קאפ, נישט עפעס אנדערש?

סערעל.

וואס רעדט איהר, חאסיע?

חאסיע.

וואס האסטו דיך אזוי דערשראקען? קום נאר אהער (טאפט איהר קאפ). ניין, קיין היטץ האסטו ניט... זאג נאר, אפשר ווילסטו עפעס זויערס?

סערעל (וויינט).

חאסיע...

חאסיע.

יא, חאסיע, אזוי הייס איך. אוי סערעלע, מיך נארט מען ניט. איך זעה דיין פנים׳ל ווערט אלע מאל קלענער און, איך זאל ניט זינדיגען מיט די רעד... (קוקט אויף איהר בויך) נו, שא, שא, וויינען האסטו בעדארפט פריהער. יעצט איז צו שפעט. נו, דערצעהל מיר, ווער, וואס, ווען? ווער איז שולדיג אין דעם?

סערעל.

ע...

חאסיע.

בע... איז שולדיג!

סערעל.

בערעלע...

חאסיע.

אוי, ארים יתומה׳לע! ביסט צו וויים פערקראכען מיט א פאנסקי סווין. ווידער זיך פערטשעפעט מיט ר׳ ישראל גראדנער. אוי, די רייכע, די רייכע. ווען מיר בעריהרען נאר א פינטעלע פון זייער כבוד קעהרט זיך וועלטען, זענען זיי פארטיג אונז אויפ׳ן פייער צו ברענגען און ווען זיי צאפען אונזער בלוט, לעבען פון אונזער פראצע, מאכען אומגליקליך אונזערע טעכטער איז גארנישט. זיי מעגען אלץ! אוי, א בראנד פייער... ניין, איך וויל זיי ניט שעלטען... דו, סערעלע, ביסט דאך אבער ניט קיין נאר, ווי קומט עס דו זאלסט דיך אזוי וויים פערגעסען?

סערעל.

מיר האבען זיך ליעב שוין לאנג און ער האט צוגעזאגט מיט מיר חתונה צו האבען.

חאסיע.

נו, און דו האסט איהם געגלויבט?

סערעל.

ער איז א גוטעטשקער, איצט זעה איך ערשט, אז איך בין פערקראכען אין א בלאטע.

האסיע.

אוי! און נאך וואס פאר א בלאטע!

סערעל.

חאסיע! דער טוהטע זעלדע האב איך מורא צו זאגען. איהר זענט דאך אויך אנ׳ארימע, ראטעוועט מיך!

חאסיע.

קודם כל מוז מען רעדען מיט בערל׳ען.

יואל (מיט טהע).

יואל.

דאס איז א גלעזעלע טהע, אווי קיי און שפיי, געמאכט אליין פאר מיין שנור. יעצט וועל איך מיט איהר א ביסעלע פלאפלען, אבער מיט איהר צו רעדען איז ניט קיי און שפיי (אב צו דינת׳ן).

בעריל

בעריל.

א גוטען אווענד... וואס איז, סערעלע, האסט געוויינט?

סערעל.

איך האב וואס צו וויינען...

בעריל.

איהר האט איהר עפעס געטהון, חאסיע?

חאסיע.

חאסיע האט איהר גארנישט געטהון, אבער בערעלע האט איהר געטהון... בערעלע! אזעלכע סודות קאן מען ניט בעהאלטען.

בעריל.

וואס רעדט איהר, וואכ

חאסיע.

וואס טויג דיר די פוסטע טענות, דו זעהסט דאך, אז איך ווייס, און וואס איך ווייס ניט שטוים איך מיך. דער עיקר איז, צי דו ווייסט, צי דו וועסט וועלען זיין אנ׳אנשטענדיגער מענש.

בעריל.

וואס מיינט איהר?

חאסיע.

דו ווילסט דוקא, איך זאל דיר ארויסזאגען מיט׳ן דקדוק?

בעריל.

יא, חאסיע, זאגט ארוים מיט׳ן דקדוק.

חאסיע.

גוט. דו ביסט געגאנגען און אומגליקליך געמאכט אנ׳ארימע יתומה, וואס זאל זי יעצט טהון? ווען דיין טאטע זאל זיך חלילה דערוויסען וועט ער זי ארויסטרייבען, און איהר וועט אויסקומען אין וואסער זיך צו ווארפען. דו מיינסט, אז מען איז ר׳ ישראל גראדנער׳ס א זוהן, מעג מען שוין אלסדינג טהון? מילא איז מען א פאנסקע סוויון, מע דארף דאך אבער ניט קריכען אין א פרעמדען גארטען. איהר קרייווערע וועט זיך נאט אננעמען, ער איז א טאטע פון יתומים (וויינט).

בעריל.

וואס וויינט איהר, חאסיע, אייך האב איך דאך גארנישט געטהון... איבריגענס, איך האב ניט געמיינט קיין שלעכטס.

חאסיע.

איך ווייס אז דו ביסט אויסען געווען דאס גוטע. איהר איז אבער אנגעקומען דאס שלעכטע.

סערעל (וויינט).

וואס וועל איך יעצט טהון?

בעריל.

סערעלע, הער אויף צו וויינען, און איהר, חאסיע הערט מיך אויס: איך בין טאקע ישראל גראָרנעד׳ס בן יחיד, ערצויגען אין רייכטום און אין לוקסוס, מיין הארץ איז אבער פון א גאנץ אנדערן שטאָף, ווי דאָס הארץ פון די רייכע. אמת, איך האָב געטהון א פעהלער, איך וועל אבער קיינמאָל ניט דערלאָזען, אז דורך מיין פעהלער זאָל אַנ׳אַנדערע אומגליקליך ווערען. מעג מיין מאמע שרייען וויפיעל זי וויל, מעג מיך מיין טאטע פון שטוב ארויסוואַרפען, מעג ער מיך אפילו מעביר נחלה זיין, זייט אַנ׳עדות, ווי איך שווער ביי גאָט, אז קיין אנדערע וועט זיין מיין ווייב, ווי נאָר מיין סערעלע! (אומארמונג).

חאסיע.

יואל, יואל, קום נאָר אהער.

יואל (קומט אריין).

יואל.

וואָס שרייסטו? (חאסיע זאָגט איהם עפּעס אין אויער).

חאסיע (זעצט זיך מיט יואל׳ן ביי איין טישעל).

בעריל און סערעל (זעצען זיך ביי אַנ׳אַנדער טישעל).

יואל.

וואָס-זשע, זיי רעדען אָב ווען די תנאים וועלען זיין?

בעריל.

ניין.

חאסיע.

זיי רעדען שוין פון דער חתונה.

סערעל.

פערשטעהסטו שוין?

יואל.

איך נישט.

בעריל.

יאָ, איצט ווייס איך אלעס.

חאסיע.

ער האָט נאָך פריהער געוואוסט.

סערעל.

אבער דער טאטע?

יואל.

איהם הערט מען, ווי דעם קאָטער.

בעריל.

וואָס געהט עס מיך אָן!

חאסיע.

ער האָט איהר צוגעזאָגט מיט איהר חתונה צו האָבען.

סערעל.

צוזאָגען און ליעב-האָבען קאָסט קיין געלד ניט.

יואל.

און ער וועט האלטען וואָרט?

בעריל.

דאָס וועלען מיר זעהן.

חאסיע.

וואָס הייסט, פאַר אזא זאַך שווייגען?

יואל.

ז. קאָן איהם לאָדען צום ונתנה תוקף.

סערעל.

אבער מעג איך דיר גלויבען?

יואל.

א נעכטיגער טאָג.

בעריל.

איך זאל אזוי לעבען!

יואל.

גיין, נײן, נאר דאס ניט.

בעריל.

און איצט, סערעלע, אהן מורא.

חאסיע.

זי האט שוין ניט וואס מורא צו האבען.

יואל.

ער וועט אודאי ברענגען שיר-המעלות-בריוועלעך, וועט זי ניט דארפען מורא האבען.

בעריל (געהט-צו צו יואל'ן און חאסיע'ן).

הערט אויס, חאסיע, און אויך איהר ר' יואל (גיט א געם יואל'ן בײ'ם קאלנער, הויבט איהם אויף הויך). איהר בײדע זענט עדות ווי איך גיב מײן ווארט און מײן שבועה, אז עס וועט ניט אוועק קײן צווײ וואכען און סערעלע וועט זײן מײן פרוי.

סערעל.

אבער מיט חופה וקדושין?

בעריל.

מיט חופה וקדושין כדת משה וישראל.

יואל.

ווײס איך וואס, דאס איז קײ און שפײ.

בעריל.

איך וועל אלײן באלד דעם טאטען דערצעהלען, און קוים זאגט ער נאר אײן ווארט נײן...

יואל.

א פאטש!

בעריל.

א פאטש נאר? מאך איך א ויברח. א פאר טויזענד רובל האב איך, וועלען מיר באלד אוועק קײן אמעריקא. נאר דערווײל זאל עס בלײבען א סוד.

יואל.

הערסט, חאסיע, מען דארף שווײגען. איך ווײס דאך אבער, אז דו קאנסט קײן סוד ניט האלטען, טוסטו אויף א שטיקעל צײט שטום ווערען.

(אלע קושען זיך. יואל וויל כאפען האסיע'ן, קושט בטעות סערל'ן, דאס זעלבע בעריל מיט האסיע'ן)

קווארטעט.

אלע.

מיר זענען עדות אל-אין-אײנעם
מיר וועלען ניט דערצעהלען קײנעם
ווי ער האט איהר זײן הײליג ווארט געגעבען
פאר דער מאמען וועלען מיר ניט פערראטען
אויך ניט דערצעהלען פאר דעם טאטען
דאס שווערען מיר אצינד בײ אונזער לעבען
מיר שווערען, שווערען, פאר הימעל ערד און שטערען.

בעריל.

איך שווער, אז איך וועל זײן דײן מאן
ביז שטענדיג לעבען און קושען.

סערעל.

נאר דאן וועל איך ערשט גליקליך זײן
ווען עס וועט זײן מיט חופה וקידושין.

יואל.

ווען טאטע מאמע וועט נישט געפעלען
און אײך דעם שרוך שטערן
זאלט איהר בסוד א חופה שטעלען,
און ווי דעם קאטער זײ הערען.

חאסיע.

אַז דו וועסט איהם געטריי נאָר זיין
וועסטו אלעס ביי איהם פועל'ען
איהר וועט אייך לעבען גליקליך, פיין,
ווי איך דאָ מיט מיין יואל'ען.

אלע.

יאָ. יאָ. יאָ. יאָ...

מענער.

אונזער נחת, אונזער פרייד זענען נאָר די ווייבער,
ווייבער, ווייבער, ווייבער.
ווער געהט אין הויזען אַנשטאָט אַ קלייד?
טאַקע נאָר די ווייבער, ווייבער, ווייבער, ווייבער.

פרויען.

ווער איז די קרוין פון אונזער קאָפּ?
דאָס זענען נאָר די מענער, מענער, מענער, מענער.
וועמען צוליעב ליגען מיר ביי'ם טאָפּ?
נאָר צוליעב די מענער, מענער, מענער, מענער.
אוי מענער, מענער, מענער, מיר זענען אויף אייך קענער.

מענער.

אוי ווייבער, ווייבער, ווייבער,
אַ געזונד אין אייערע לייבער.

פרויען.

אוי מענער, מענער, מענער...

מענער.

אוי ווייבער, ווייבער, ווייבער...

אלע.

מענער, ווייבער, מענער, ווייבער,

יואל.

הער, אַ געמישעכטס פון מענער מיט ווייבער.

אלע.

נישטאָ קיין טייערס אויף דער וועלט
אַ גוט ווייב צו זיין.
דאָס בעסטע וואָס דעם ווייב געפעלט
איז נאָר אַ טרייער מאַן.
מאַן און ווייב זייט אייך נאָר געטריי,
דאָס איז פון גליק דער סוד,
און העלפען וועט אייך סיי ווי סיי
יאָ, אונזער גרויסער גאָט, יאָ, אונזער גאָט (טאַנצען אָב).

ישראל און זעלדע (קומען אַן פון רעכטס).

ישראל.

איך זאָג דיר מיט גוטען. זעלדע, זאָלסט מיך אָבלאָזען.
איך וויל גאָרנישט הערען דערפון.

זעלדע.

און וואָס וועט זיין דער סוף, אפשר איז דאָס אַ גאָט־זאַך
עס איז דאָך שוין געשעהן.

ישראל. !

די טאָכטער האָט מיר מיין קאָפּ פערהאַקט, איך ווייס ניט
דורך איהר וואָס איך טהו, און אין דער קורצער צייט האָב איך
שוין 2 דריטעל פון מיין פערמעגען פערלוירען! און דאָס איז
דורך איהר! אַלץ דורך איהר!

זעלדע.

אָבער עס איז דאָך שוין פערפאַלען, וואָס קאָן מען זיך
העלפען?

ישראל.

זעלדע! אויב דו ווילסט מיר נישט מיין בלוט פערצאַפּען
בעט איך דיך רעד נישט מעהר דערפון, וואָס ווילסטו, ישראל
גראָרנער זאָל זיך מתחתן זיין מיט זיינע משרתים? מיט זיינע
דינסטען? היה לא תהיה. דאָס וועט נישט זיין!

זעלדע.

אבער ווי לאנג קאן מען דען א קינד האלטען פערשפארט אין שטוב?

ישראל.

ביז זי וועט ברעכען איהר עקשנות און זיך גט'ן, אז ניט וועל איך זי ארויסטרייבען, ווי איהר שווער און שוויגער... (דערזעהט דעם קאסטען). וואס איז דאס עפעס פאר א קאסטען אין מיטען שטוב? הע, יואל, חאסיע! וואו זענען זיי?

יואל און חאסיע (ערשיינען):

ישראל.

וואס איז דאס?

יואל.

א קאסטען.

ישראל.

איך בין דען בלינד? איך זעה דאך, אז דאס איז א קאסטען...

יואל.

וואס-זשע דען פרעגט איהר?

ישראל.

א שטיינער וואס האב איך דיך געוואלט פרעגען?

יואל.

איך ווייס? אפשר האט איהר מיר געוואלט פרעגען א רע- טעניש?...

ישראל.

וואס טהוט דא דער קאסטען אין שטוב?

יואל.

היינט געהט דאך אויס אונזער טערמין, מיר מוזען דאך מארגען אונזער דירה ריין מאכען, נו, דאס איז אונזער ביסעל ארימקייט.

חאסיע.

א שענעם תכלית האט איהר פון אונז געמאכט.

ישראל.

נו, נעמט זייט מוחל דעם קאסטען און טראגט איהם ארויס פון דאנען.

יואל.

תיכף, מחותן.

ישראל.

וואס האסטו געזאגט?

זעלדע.

שא, ער האט זיך טועה געווען.

חאסיע.

וואס רעדט איהר, מחותנת'טע!... ווי די מעשה זאל ניט זיין, קרובים זענען מיר דאך...

ישראל.

נו, וואס זאגסטו, זעלדע, זעה נאר ישראל גראָרנער'ס קרובים! קום נאר אהער, דו, יואליק!

יואל.

הננו.

ישראל.

גיב א קוק און זעלדע מיין מחותן! (פרייסעלט איהם).

יואל.

ר' ישראל, וואס דארפט איהר אייך ערגערן? איז ניט מחותן, איז בעל-הבית איך האב דרייסיג יאהר אבגעדינט ביי אייך אין הויז, ניט ווי א משרת, נאר ווי א געטרייער הונד; געווען גרייט פאר אייך אין פייער צו געהן, און אפילו יעצט אויך. פונדעסטוועגען יאגט איהר מיך ארויס, גלייך איך וואלט געווען קיין און שפיי. מיין מיה, מיין הארעוואניע — גארניש. מען הייסט געהן, חאסיע, נעם אן! (ביידע נעמען דעם קאסטען).

חאסיע.

אזוי טרייבט מען ארויס געטרייע הינד! נאר שאט ניט, נאט וועט זיך אננעמען אונזער קריוודע!

יואל.

קענען ר' ישראל'ן! אוי וועה איז מיר! (שטופט זי אב).

זעלדע.

עס טהוט מיר וועה דאס הארץ אויף זיי.

ישראל.

נו, געה לאז אויס דיין הארץ צו א תחינה פון ראש־חודש־בענשען. איך וויל דעם שעטנז ביי מיר אין הויז ניט האבען.

בנימין (קומט אריין פון דער מיט).

בנימין.

א גוטען אווענד, שווער!

ישראל.

הא!... וואס טהוט איהר דא יונגערמאן?

בנימין.

איך וויל מיט אייך עפעס רעדען.

ישראל.

איך רעד ניט מיט אזעלכע לייט! יונגערמאן, דארט איז די טיר.

זעלדע.

ישראל, נאר ניט מיט אזא כעס.

ישראל.

דו, זיי מוחל, מיש דיך ניט (שטופט זי ארויס). וואס נאך ווילסטו, יונגערמאן? (געהט ארויף, — בנימין געהט אראב; ער געהט אראב, — בנימין געהט ארויף). איך געה ארויף, — געהט ער אראב, געה איך אראב, — געהט ער ארויף.

בנימין.

אזוי איז דאס, ר' ישראל גראדנער: איינער געהט ארויף, דער צווייטער געהט אראב... איך וויל אייך זאגען, אז איינמאל האב איך מיך געלאזט פון אייך ארויסטרייבען און בין געגאנגען, אודאי וועל איך יעצט אויך געהן, ווען איהר וועט מיר הייסען. דאס מאל וועל איך אבער ניט געהן אליין.

ישראל.

און ווער, א שטיינער, ווילט איהר, זאל מיט אייך מיטגעהן?

בעריל.

מיין ווייב!

ישראל.

יונגערמאן, דו רעדסט מיט עזות!

בנימין.

איך מיין, אז איך האב פאלקאמען רעכט צו פערלאנגען, אז מיין ווייב זאל געהן מיט מיר. אז איך וויל ניט, זי זאל ביי אייך לענגער עסען קעסט. איך בין איהר מאן און איך קאן זי ב"ה פערזארגען מיט אלעס, וואס זי בעדארף. גיט מיר מיין ווייב און איך וועל געהן.

ישראל.

דו רעדסט צו מיר מעשה שייגעץ.

בנימין.

איך פאדער מיין רעכט! איבריגענס, איך בין ניט געקו־מען אהער זיך ווערטלען מיט אייך. איהר מיינט, אז דאס וואס איך האב ביז אהער געשוויגען איז געוועזען דערפאר, ווייל איך האב מורא פאר אייך? ניין! איך האב נאר געשוויגען דערפאר, ווייל איך האב אייך געוואלט וויזען, אז איך שעטץ דעם כבוד פון מיין פרוי'ס עלטערן! וועט איהר אבער ניט אליין איינזעהן מיין רעכט, וועל איך געצוואונגען זיין צו געהן מיט'ן רעכט פון געזעץ...

ישראל.

יונגערמאן, איך האב פיינט טענות. טהו וואס דו ווילסט, יואל קוואטש'ס זוהן וועט קיינמאל מיין איידעם ניט זיין.

בנימין.

הערט אוים: אויב איהר מיינט, אז מיר געהט אין דעם גרויסען כבוד, וואס ישראל גראדנער וועט זיין מיין שווער און איך — זיין איידעם, האט איהר א גרויסען טעות! ווען איך האב אייך אמאל כבוד צוגעטיילט, איז עס ניט געווען דערפאר, וואס אויף אייער גרויסען, ליכטיגען שטערן שטעהט אויפגעשריבען: „ר' ישראל גראדנער, יחסן גדולי", ניין! איך האב אייך כבוד אבגעגעבען נאר דערפאר, ווייל איך האב אייך געהאלטען פאר א מענשען. יעצט, אבער, בין איך געוואהר־געווארען פון א גאנץ נייעם סוד: אז איך האב געהאט א גרויסען טעות.

ישראל.

יונגערמאן, דו פערגעסט...

בנימין.

איך פערגעס גארנישט. איך וויל אייך נאר פרעגען, אויף וואס שטאלצירט איהר אזוי? וואס פאר א חילוק ליגט צווישען די נעמען יואל אדער ישראל?

ישראל.

א גאנץ קליינער חילוק: נאר דער „קוואטש".

בנימין.

וואס פאר א פערדינסט שטעקט אונטער דעם נאמען: „גראדנער"? מענשליכקייט? — ניין! מיין ארימער טאטע בעזיצט מעהר מענשליכקייט פון אייך; פאטערליעבע? — אוודאי ניט! מיין ארימער טאטע האט מיך פיעל ליעבער, ווי איהר האט ליעב אייערע קינדער. אין אייך ליגט נאר נידעריגער עגאיזם, דעספאטיע, גרויזאמקייט. איהר זענט א רייכער יוד מיט א נ'ארימער נשמה, א בעל גאוה מיט בלעכענע פנים. איך וועל מיך פאר אייך ניט בויגען, ווי די אנדערע, אויף וועלכע איהר קוקט אראב

ווי אויף ווערים און מוראשקעס. איך וועל אייך ווייזען, כאטש איהר זענט מיין בעל־הבית און איך אייער ארבייטער, דאך אלס ארבייטער וועל איך מיר ניט לאזען מיינע מענשליכע געפיהלען טרעטען מיט אייערע נידריגע, שמוציגע פיס.

ישראל.

טהו וואס דו ווילסט. ווען עס זאל מיך אפילו מיין לעבען קאסטען וועט אזא שלעפער, אזא קבצן, אזא קוואטש מיין איידעם ניט זיין. ווערסט זי גט'ן!

בנימין.

ווערען מיר זעהן!

ישראל.

ווערסט זי גט'ן! (אב).

בנימין.

וועלן מיר זעהן!

בעריל (האט די גאנצע צייט צוגעהערט אין טיר, קומט אריין).

בעריל.

צו וואס האט דיר געטויגט זיך צו קריגען מיט'ן טאטען, וואלט דען ניט בעסער געווען מיט גוטען?

בנימין.

בין איך דען געקומען צו דיין טאטען מיט שטרענגקייט?

בעריל.

ער איז זעהר א ווילדער עקשן. איך ווייס גארנישט, אין וועמען ער איז געראטען!

בנימין.

קאנסטו מיר ניט פערשאפען די מעגליכקייט זיך צו זעהן מיט דינה'לען?

בעריל.

יא. אבער איך נעח פריהער זעהן וואס דער טאטע טהוט.

דען ווען דער טאטע וועט אײך דא בײדע טרעפען בין איך ניט פערענטווארטליך וואס דא קאן ארויס. ער קאן אײך צום צווײטען מאל חתונה מאכען (אב).

בנימין.

עס איז אונמעגליך א מענש זאל זיך קענען האלטען, ווי עס נעמט זיך פאר. איך האב געדענקט, איך וועל מיך קאנען רוהיג פערהאלטען אין זײן געגענווארט. ער איז אבער צו־שטארק געקראכען אין דער נשמה און איך האב מיר געמוזט אראברעדען פון הארץ.

בעריל (קומט צוריק אריין).

בעריל.

דער טאטע שלאפט, ווי געהרג'עט. אצינד געה איך דיר פארברענגען דינה'לען (אב. קומט צוריק מיט דינה'ן).

דינה.

בנימין! מײן מאן!

בעריל.

איך געה אוועק און לאז אײך אלײן. נאר מאכט עס בקיצור. ווארום אז דער טאטע וועט אײך כאפען, קאן ער אײך צום דריטען מאל חתונה מאכען (אב).

בנימין.

ט וואס־זשע מאכסטו, דינה'לע?

דינה.

מײן הארץ געהט אויס פאר בענקעניש צו דיר. איך בין א געפאנגענע, גלײך איך וואלט דאס גרעסטע פערברעכען בעגאנגען. טאטע־מאמע רעדען ניט צו מיר, דײנע עלטערן און סערעלע זענען יא גוט צו מיר האבען זיי עס מורא ארויסצוווײזען. זיי ציטערן פאר'ן טאטען.

בנימין.

אלץ ציטערט פאר ר' ישראל גראדנער'ס פאנטאפעל, יעדעס צערטליכקײט פערבלאזט ער מיט'ן רויך פון זײן דעספאטישער ליולקע. אבער ווײטער וועט עס אזוי ניט געהן, דינה'לע, דו געהסט הײנט מיט מיר.

דינה.

וואס רעדסטו, ווי קאן איך?

בנימין.

דינה'לע, איך וויל וויסען, וואס ביסטו מיר?

דינה.

דײן פרוי, דײן טרײע פרוי.

בנימין.

וויל איך, דײן מאן, אז דו זאלסט טהון מײן ווילען. איך קאן זאגאר געהן צום געריכט, נאר...

דינה.

וואס רעדסטו, בנימין? אויפקאכען די גאנצע שטאדט?

בנימין.

הער אויס, דינה'לע, דו ווילסט ניט, איך זאל מיך מיט דײן טאטען עפענטליך פראצעסירען? גוט. מיר פאהרען קײן אמעריקא.

דינה.

וואס רעדסטו, בנימין?

בנימין.

דו האסט בײ דײן טאטען אין הויז גארנישט וואס צו זוכען. מיר וועלען אריבערגעהן צו מיר אויף דער סטאנציע, דארט וועלען מיר דאס נויטיגע מיטנעמען און פארטאג גלײך מיט'ן צוג קײן האמבורג און מיט'ן ערשטען שיף גלײך קײן אמעריקא.

דינה.

אבער, בנימין...

בנימין.

קײן אנדערן אויסוועג האב איך ניט, אדער ווילסטו, אז סוף כל סוף זאל קומען צו אנ'עפענטליכען סקאנדאל...

דינה.

ניין, נאר דאס ניט. איך וועל ליעבער געהן מיט דיר אין עק וועלט, נאר די גוטע מאמע מיינע?

בנימין.

איך וועל בעזארגען, מיין מאמע זאל נאך די דאזיגע נאכט ארויסנעמען עטליכע פון דיינע קליידער צו דער רייזע. דארט ביי מיר וועסטו אנשרייבען א פאר ווערטער און איך וועל בעזארגען, אז דיין מאמע זאל זי ערהאלטען דעמאלט, ווען מיר וועלען שוין זיין אויף דער באהן.

דינה.

מיין הארץ טהוט מיר אזוי וועה, איך בין אין דעם הויז אויפגעצויגען.

בנימין.

אין דעם הויז קאנסטו אבער ניט גליקליך זיין. איך אבער שווער דיר, אז מיין איינציגע אויפגאבע אין לעבען וועט נאר זיין דיך גליקליך צו מאכען.

דועט.

זי.

אך ווי שווער איז דאס אפפער,
ווארם דו פערלאנגסט יעצט פון מיר,
טאטע־מאמע זאל איך פערלאזען
און ווייט אוועק זאל איך מיט דיר.

ער.

ליעבע דינה, דינה מיין,
אנדערש קאן עס דאך ניט זיין,
דאס זעהסטו דאך אליין,
אז טריי און ערהליך איז מיין מיין.

ביידע.

ניט געקלערט און ניט געטראכט —
עס איז בעשערט, אז דיעזע נאכט

שנעלער ציהען, ווייט פון היער
פון דאנען פליהען, דאס מוזען מיר.

בנימין.

דאס הויז פערלאזען מוזסטו אצינד,
דיין אבשיעד נעם שוין, גיך און געשווינד.

דינה.

ליעבער פאטער, זיי מיר געזונד
פערגעס ניט מוטער דיין ליעבעס קינד.
מיין טייערע היים, מיין ליעבע שטוב,
וואו מיין קינדער־וויגעל איז געשטאנען
דיין יעדעס ווינקעל איז מיר היילינ, ליעב
ווי אפט וועל איך דיך דערמאנען!
אך ווי גרויס איז דאך מיין שמערץ,
ווער קאן פיהלען מיין גרויסע שרעק!
אך, ווי בלוטעט מיר מיין הערץ
ווייל פון מיין היים מוז איך אוועק.

בנימין.

זיי ניט פערזארגט, מיין טייבעלע
דו געהסט יעצט מיט מיר, מיין ווייבעלע
דו ווייסט אליין גאנץ גוט,
פערלאזען דיך וועל איך ניט!
איך וועל דיך היטען און בעשיצען
שווער איך דיר מיין קינד, —
ניט וויינען נאך דעם געצעלטעלע,
דו געהסט אין א גאנץ נייע וועלטעלע,
פערלאז דיך אויף דיין מאן
עס וועט דיר דארט גוט זיין.
איך וועל פערגעלטען אלע ליידען,
וואס דו האסט אצינד.

בײדע.

ניט געקלערט און ניט געטראַכט
עס איז בעשערט, אַז דיזע נאַכט
שנעלער ציהען ווײַט פֿון הינער,
פֿון דאַנען פֿליהען, דאָס מוזען מיר
יאָ, יאָ, נאָר פֿליהען, ציהען,
עס ווערט שוין העלער, שנעלער
לאָמיר שוין נעמען אַבשיעד געשווינד,
יאָ, יאָ, נאָר פֿליהען, ציהען,
עס ווערט שוין העלער, שנעלער.
ליעבער פֿאָטער, מוטער, זײַט געזונד, לעבט וואָהל (אָב).

בעריל (האָט אונטערגעהערט, קוטט אַריין).

בעריל.

אַ וואוילער פלאַן, זאָל איך אַזוי לעבען! פֿאַרוואָס זאָל איך אַזוי ניט טהון? יאָ, איך געה שוין אויפֿוועקען מײַן סערע־לען און זי אַריבערפֿיהרען צו בנימין׳ען אויף דער סטאַנציע, און קוים זאָגט דער טאַטע: „נײַן“, איז אַ גוטען טאָג, און ער זעהט אונז ניט מעהר (רופֿט) סערעלע?

סערעל (קומט אַריין פֿערשלאָפֿען).

סערעל.

וואָס איז, וואָס?

בעריל.

נעם שנעל צוזאַמען עטליכע פֿון דײַנע זאַכען און קום אַרויס אויפֿ׳ן הויף איך וועל אויף דיר וואַרטען.

סערעל.

וואָס איז, וואָס?

סערעל.

פֿרעג ניט קײן קשיות, טהו וואָס מע הײסט דיר.

סערעל.

איך בין שלעפֿעריג, איך זעה ניט אויף די אויגען!

בעריל.

נו, וועל איך דיר ברענגען אַ קעצעלע, ס׳זאָל דיר אויס־לעקען די אויגעלעך.

סערעל.

אוי, אַפֿילו שלאָפֿען לאָזט ער מיך ניט! (אָב).

בעריל.

אצינד, בערל, צו דער אַרבײַט. איך וועל נאָר סערעלע׳ן אַהין נעמען, דאַן וועל איך רעדען מיט׳ן טאַטען און קוים זאָגט ער „נײַן“—איז אַ גוטען־טאָג ר׳ איציק! (אָב).

חאַסיע (קומט פֿון דינה׳ס צימער מיט אַ פעקעל, אָב אין גאַס):

יואל (אין נאַכט קליידער קומט אַריין פֿון קיך).

יואל.

וואָס איז דאָס? דאָ איז זי אויך נישטאָ? עפּעס מײַן חאַסיע איז מיר אויסגעטריקענט געוואָרען אין מיטען דער נאַכט. דאָס איז שוין ניט קײַ און שפּײַ. עפּעס האָב איך געהערט אַ גאַנצע נאַכט זיך שושקען אין דעם חדר. אפשר האָט מײַן חאַסיע דאָ געהאַט אַ קײַ און שפּײַ מיט עמיצען. יאָ ס׳קאָן זײַן, אַז פֿײַוול שמעטשיק האָט זיך ווידער אָבגעזוכט, זיי מוזען אודאי זײַן ערגיץ אויפֿ׳ן בוידעם. אוי, הלואי טרעף איך זיי דאָרטען וועל איך זיי געבען אַ קײַ און שפּײַ, אַז זיי וועלען מיך האָבען צו גע־דענקען (אָב).

חאַסיע (קומט אַריין פֿון גאַס, אָב אין קיך).

סערעל (פֿון איהר צימער אָב אין גאַס).

חאַסיע (קומט אַריין צוריק פֿון קיך).

וואָס איז דאָס, מײַן יואל איז נישטאָ אין בעט? עפּעס האָב איך געהערט אַ גאַנצע נאַכט זיך שושקען אין דעם חדר. אפשר

איז דאס געווען מיין יואל מיט זיין אלטע הארצקלעמעניש? און אפשר האט ער זיך גאר אריינגעכאפט צו סערעל'ען? (אב אין סערעל'ס צימער).

יואל (קומט צוריק).

יואל.

נישטא! אוי, איך וועל עס ניט אויסהאלטען! מיין חאסיע האט מיך אוועקגעווארפען, איך וועל נאך געבען א קוק אין שטוב, אפשר איז זי שוין דא. (אב אין קיך).

חאסיע (קומט צוריק).

חאסיע.

סערעלע איז אויך נישטא! מיין יואל האט מיך אוועקגעווארפען און איז אודאי אוועק מיט סערעל'ען. אוי! איך וועל חלש'ן, אוי, איך וועל שטארבען, אוי! (פאלט אויפ'ן קאנאפע).

יואל (צוריק פון קיך).

יואל.

געה זוך א נעכטיגען טאג, נישטא קיין חאסיע, אוי ס'וויי! איך דאנק דיר רבש"ע, געפטר'ט א חמץ פון שטוב. יעצט וועל איך מיר קאנען רוהיג אבלעבען מיינע פאר יאהר. און אפשר וועל איך נאך קאנען טהון א שטיקעל שידוך אויך... (בעמערקט חאסיע'ן). גוואלד, יודישע קינדער, מ'האט זי מיר דאך אונטערגעווארפען! (קיצעלט זי). יא, זי איז אבער טויט... ברוך דין האמת!

חאסיע.

איך לעב נאך!

יואל.

ברוך מחיה מתים!

חאסיע.

ווארט דו כלב, איך וועל זיך מיט דיר אפרעכענען.

יואל.

וואס-זשע, דו ביסט נאך גערעכט? וואו ביסטו געווען? הא?

חאסיע.

בנימין האט מיך אויפגעוועקט און האט געהייסען איינפאקען דינה'לעס עטליכע קליידער און זיי ברענגען אויף זיין סטאנציע און האט מיר אנגעזאגט, אז באלד זאל איך מיט דיר קומען, וועלען מיר נאך די נאכט אוועקפאהרען. איך קום צוריק און וויל דיך רופען, ביסטו גאר נישטא! וואו ביסטו געווען?

יואל.

דו הערסט, חאסיע, איך האב געזעהן א שענעם חלום.

חאסיע.

וואס האט זיך דיר געחלומ'ט?

יואל.

ס'האט זיך מיר געחלומ'ט, אז דו ביסט געשטארבען.

חאסיע.

אז וואס ס'האט מיר געחלומ'ט די נאכט און יענע נאכט, און אלע נעכט פון א גאנץ קיילעכדיג יאהר...

יואל.

ווארט, ביסט נאך ניט פערטיג. איך כאפ מיך אויף און וויל זעהן, צי ס'איז אמת, — אך טאקע נישטא חאסיע...

חאסיע.

נו, קום שוין, וועלען מיר נעמען אונזערע זאכען און געהן.

יואל.

איך וויל מיט דיר ניט געהן, טשעפע דיך אב פון מיר.

חאסיע.

וואס-זשע, איך בין דיר א שלעכט ווייב?

יואל.

איך האב צו דיר גארנישט, נאר טשעפע דיך אב פון מיר!

חאסיע.

איך וועל דיר געבען אטשעפען, אז דו וועסט דיך מחיה זיין.

דועט.

ער.

דו ביסט א ווייבעל זעהר א גוטע,
און איך בעקלאג מיך ניט אויף דיר.
נאר איך האב צו דיר א ביטע: —
אבטשעפען זאלסטו דיך פון מיר.

חאסיע.

אז טשעפען זאל עס דיך און קלעמען, —
וואו דו וועסט דיך געבען א ריהר.
ווארט, איך וועל זיך צו דיר נעמען.
דרך־ארץ לערנען וועל איך מיט דיר. —

ער.

שרייען שעלטען, קעהרען וועלטען,
דערויף ביסטו א בריה.

זי.

נאר מיך מוטשען און דערקוטשען,
אה, דאס קאנסטו, דו, כאלעריע.

יואל.

רבש״ע, דאס ווייב נעמט מיר מיינע כחות ארוים,
רבש״ע, איך ווייס ניט, ווי האלט מען דאס אוים!

זי.

אוי גאטעניו, א טרייען מאן וואו נעמט מען וואו?
איך זוך איהם דא, איך זוך איהם דארט.
אוי, גאטעניו, מיין מאן נעם דיר צו,
אוי, גאטענו, אוי, טאטעניו,
שיק מיר אנ׳אנדערן אויף זיין ארט,
אוי, גאטעניו, אוי!

יואל.

איך בין דיר טריי סיי ווי סיי,
איך שווער דיר, עס איז ניט קיין און שפיי.

זי.

ווען דו ליעבסט מיך, ליעב איך דיך
איבערבעטען לאמיר זיך

ביידע.

וואויל איז אונז און גוט,
וויל פון דער מינוט
וועלען מיר תמיד לוסטיג זיין, אוי
וואויל איז אונז און גוט,
וויל פון דער מינוט
לעבען וועלען מיר שטיל און פיין,
זיך קושען אין די פיסקעלעך,
זיך פאשען מיט די קליסקעלעך
זיך פיהרען ביי די מענטעלעך
זיך האלטען ביי די הענדטעלעך.
אוי, וועלען מיר זיין א גליקליך פאר
רבש״ע, אויף מיר אזא יאהר!

יואל.

רבש״ע, אוי, אוי, אוי, אוי!
אויף מיר מיט חאסיען אזא יאהר (טאנצען אב).

זעלדע (קומט אריין פון רעכטס).

זעלדע.

איך קאן ניט שלאפען! מיין ארים קינד! נישט מעגליך איהם צו בויגען... דינה׳לע, דינה׳לע! (אב אין דינה׳ס צימער, קומט צוריק). זי איז נישטא! וואס הייסט עס? סערעלע, סערעלע! (אב, קומט צוריק). סערעלע איז אויך נישטא! וואס איז דאס? יואל! חאסיע! בערעלע! (אב, קומט צוריק). זיין בעט איז אויך

לעדיג, וועה איז מיר, עס שווינדעלט מיר פאר די אויגען, די פיס האקען זיך מיר אונטער. ישראל! קום נאר אריין!

ישראל (לויפט אריין)

ישראל.

וואס איז געשעהן?

זעלדע.

אוי, ס'איז מיר שלעכט! (פאלט אויפ'ן קאנאפע).

ישראל.

העי, יואל, חאסיע, סערעלע!

זעלדע.

אומזיסט דיין רופען, דאס גאנצע הויז איז לעדיג.

ישראל.

וואס רעדסטו, וואס?

זעלדע.

א גרויס אומגליק איז געשעהן!

ישראל.

יואל, חאסיע, סערעלע, בערעלע... איז דינהל'עס צימער אויך לעדיג!

איינער (ברענגט אריין א בריעף, אב).

ישראל.

א בריעף, אזוי פריה און אהן א מארקע? (עפענט). עפעס א בעקאנטע האנדשריפט! (לעזט). „ליעבע, טייערע מאמע! מיין הארץ טהוט מיר וועה, דיר ניט צו קאנען זאגען דעם לעצטען „זיי געזונד". איך מוז ארויס פון דער תפיסה. איך פאהר יעצט מיט מיין מאן אין דער נייער וועלט, וואוהין אלע פערצווייפעלטע ענטלויפען. עס גריסט און קושט דיך דיין טרייע, עוויג ליע־בענדע טאכטער, דינה".

זעלדע.

פערטריבען, פערטריבען מיין פייגעלע! אבער בערעלע, וואו איז בערעלע?

בעריל (קומט אריין פון מיטעל-טיר).

בעריל.

בערע'ע איז נאך דא. נאר, צי וועט ער בלייבען, דאס ווייס איך ניט.

ישראל.

האסט דיר אפשר שוין אויך א כלה אבגעזוכט?

בעריל.

העראוים טאטעניו און אויך דו, מאמעניו. איהר זאלט וויסען, אז איך האב מיך פערבונדען מיט סערעלען, נאך מעהר, איך האב געגען איהר געפעהלט און האלט עס פאר מיין פליכט מיין פעהלער גוט צו מאכען. טאטע! איך וויל חתונה האבען מיט סערעלען!

ישראל.

און אז איך וועל צו דעם שידוך ניט מסכים זיין?

בעריל.

וועל איך חתונה האבען אהן דיין הסכמה!

ישראל.

דו בן סורר ומורה! אזוי רעדסטו מיט דיין טאטען? אזוי רעדסטו צו ר' ישראל גראדנער! זעלדע, די יתומה זאל זיך שוין ביי מיר אין שטוב ניט געפינען, שוין זאל זי מיין הויז פערלאזען!

זעלדע.

ישראל, בערוהיג דיך!

בעריל.

זאג מיר, איך בעט דיך, טאטע, וואס איז די יתומה שולדיג, אז דיין זוהן האט זי פערפיהרט? וואס פאר א פערברע־

כֿען איז זי בעגאנגען, ווען זי האט געגלויבט אין ישראל גראָר־נער׳ס זוהן? שטעל דיר פֿאר, טאַטע, די יתומה איז דיין טאָכ־טער און אַנ׳אַנדערער האט זי פֿערפֿיהרט, נו, וואָלסטו ניט גאָט געדאַנקט, ווען איהר פֿערפֿיהרער זאָל מיט איהר חתונה האָבען? ניין, ר׳ ישראל גראָדנער, ניט אַזוי דאַרף מען האַנדלען! ווען אייער זוהן, האט פֿערפֿיהרט אַנ׳עלענדע יתומה, דאַרפֿט איהר איהם צווינגען, איהר הערט? צווינגען דאַרפֿט איהר איהם ער זאָל מיט איהר חתונה האָבען. און אויב איהר האט נאָך אין אייך אַ פֿונק פֿון מענשליכֿקייט, דאַרפֿט איהר גאָט דאַנקען, וואָס אייער זוהן וויל זיין פֿעהלער ווידער גוט מאַכֿען.

ישראל.

ישראל גראָרגער קאָן נאָר גוט מאַכֿען מיט געלד, מיט טובות, אָבער ניט מיט זיין כבוד. 40 יאָהר האָב איך שווער און ביטער געהאָרעוועט, אום מיין נאָמען, מיין כבוד צו דער־האַלטען, ווילסטו עס מיט איין מאָל אָבוואַשען? ניין, זאָג איך! מיינע קינדער וועלען טהון שידוכים, ווי מיר וועט אָנשטעהן! איך לעב נאָך! איך בין דאָ בע״הב! איך נעה זי שוין אַרויסוואַרפֿען פֿון מיין הויז.

בעריל.

און איך זאָג דיר, טאַטע, דו וועסט זי ניט אַרויסוואַרפֿען!

ישראל.

איך וועל זי יאָ אַרויסוואַרפֿען!

בעריל.

דו וועסט זי ניט אַרויסוואַרפֿען!

ישראל.

פֿאַרוואָס?

בעריל.

ווייל איך האָב זי שוין אַרויסגענומען! און פֿון מיר הער יעצט מיין לעצט וואָרט: דו ווילסט ניט פֿערלירען פֿון דיין